אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָ פאַר יודישע עמיגראַנטען.

# קאַנאַדאַ.

## אלגעמייגע ידיעות וועגען לאנד פאר די וואס ווילען פאהרען אהין.

### פיערטע אויפלאגע

ס"ט פעטערבורג
בוכדרוקעריי פון יוסף לוריא עט ק', גאָראָחאָוואַיאַ 48.
תרס"ט.

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY

547

# КАНАДА.

## ОБЩІЯ СВѢДѢНІЯ И УКАЗАНІЯ

для желающихъ ѣхать въ эту страну.

---

С.-ПЕТЕРБУРГЪ.

Типо-Литографія І. Лурье и К°, Гороховая, 48.

1909.

# אַלגעמיינע יְדִיעוֹת איבּער דאָס לאַנד.

אִין צפון-זַייט פון דִי פערֶאייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ געפינט זיך דִי ענגלִישע פּראָוִינץ קאַנאַדאַ. דאָס איז אַ גרויס לאַנד, וואָס פערנעהמט כּמעט דעם גאַנצען צפון-זַייט פון צפון-אַמעריקאַ און איז גרויס אַנ׳ערך ווי גאַנץ אייראָפּאַ. עס ציהט זיך אויף 5,500 ווערסט פון אַטלאַנטישען ים, וואָס טיילט אָב דאָס לאַנד פון אייראָפּאַ, בּיז׳ן שטילען ים. אין דרום זַייט גרענעצט קאַנאַדאַ מיט דִי פערֶאייניגטע שטאַטען; אין צפון זַייט ליגט זי בּיים אייז-ים. — דער וועג פון רוסלאַנד קיין קאַנאַדאַ איז כּמעט דער זעלבּיגער וואָס פון רוסלאַנד אין דִי פערֶאייניגטע שטאַטען און עס דויערט כמעט דִי זעלבּיגע צַייט. — דער צפון טייל פון קאַנאַדאַ איז זעהר ווייניג בּעזעצט צוליעב דעם צו-שטרענגען קלימאַט וואָס הערשט דאָרטען; פיעל ווִיכטיגער איז דער דרום טייל וואָס ליגט נעבען דִי פערֶאייניגטע שטאַטען און אַז מען רעדט וועגען פאַהרען אין קאַנאַדאַ מיינט מען דאָס שטענדיג דעם טייל. נאָכ׳ן כאַראַקטער פון דער ערד און נאָכ׳ן קלימאַט איז דער דרום-טייל פון קאַנאַדאַ זעהר ענליך צו רוסלאַנד.

אין אַלעמען האָט זיך גערעכענט אין קאַנדאַ אין 1901, נאָך דער לעצטער פאָלקס-צעהלונג, 5,371,315 איינוואָהנער; ערשט איז שוין געווים דאָ בּיז 6 מיליאָן.

אַלע פּראָווינצען פון קאַנאַדאַ קענען צוטיילט ווערן אין 4 גרופּען: מזרח-פּראָווינצען, צענטראַל-פּראָווינצען, מערב-פּראָווינצען און צפון-פּראָווינצען. צו דִי מזרח-פּראָווינצען, וואָס ליגען בּיים ברעג ים, געהערן: אָנטאַריאָ, קוויבּעק, ניי-בּרוינשווייג, (אויף ענגליש „ניו-בּרונסוויק"), ניי-שאָטלאַנד („נאָוואַ סקאָציאַ") און פּרינץ עדוואַרדס אינזעל („פּרינס עדוואַרד אַילענד"). אין דִי פּראָווינצען געפינען זיך אַלע האַפּענשטעדט וואו דִי עמיגראַנטען פון אייראָפּאַ קומען אָן. דאָס איז דער עלטסטער טייל פון קאַנאַדאַ, וואו דִי אייראָפּעער האָבּען זיך אָנגעהויבּען צו בּעזעצען נאָך אין

זעכצענטען יאָהר-הונדערט, און ערשט וואוינט דאָ בּיז 9/10 פון דער קאַנאַדער בּעפעלקערונג; אין דעם טהייל געפינען זיך אויך די וויכטיגסטע שטעדט פון קאַנאַדאַ:

אין דער פראָווינץ קוועבּעק — מאָנטרעאָל (380000 איינוו.) די גרעסטע שטאָדט פון גאַנץ קאַנאַדאַ, און דער פאָרט קוועבּעק (70000 איינוו.);

אין דער פראָוו. אָנטאַריאַ — טאָראָנטאָ (325000 איינוו.), אָטטאַוואַ (60000 איינוו.), האַמילטאָן (53000 איינוו.).

אין דער פראָוו. ניי-בּיאַינשוויג — סענט-דזשאָן (50000 איינוואוינער).

אין דער פראָוו. ניי-שאָטלאַנד-האַליפאַקס (5000 איינוו.).

וועגען דעם קלימאַט פון די אַלע פראָווינצען קען מען זאָגען אַז ער איז כּמעט דער זעלבּיגער ווי אין ליטאָ און אין פוילען; גאָר אין דרום-טייל פון דער פראָווינץ אָנטאַריא איז אָפט פיל וואַרעמער, דאָ וואַקסען פּפירזיכען, טרויבּען און דאָ ווערט געזעהט מאַיס (קוקורוזע).

די מזרח-פּראָווינצען צייכנען זיך אויס דערמיט וואָס דאָ זיינען מעהר ווי אומעטום ענטוויקעלט אַלערליי אַרטען פאַבּריקאַציע. דאָ זענען זעהר פיעל דאַמפף-מיהלען, גאַרבּעריַיען, צוקערפאַבּריקען, גיסעריַיען און וועבּעריַיען; צוליב די גרויסע וועלדער וואָס דאָ געפינען זיך האָט זיך דאָ בּעזונדערס ענטוויקעלט די בּעאַרבּייטונג פון האָלץ-מאַטעריאַלען; דערפאַר זענען דאָ פאַרהאַן פיעל זעג-מיהלען, פאַפּיר-פאַבּריקען און אַנדערע. וואָס אַנבּעלאַנגט ערד-אַרבּייט, שפּילט דאָ אַ גרויסע ראָלע אויסער די בּעאַרבּייטונג פון אַלערהאַנד תּבואות, די מילכווירטשאַפט.

מען דאַרף אָבער האָבּען אין זינען אַז די בּעסטע שטיקער ערד זענען אין די פראָווינצען כּמעט אינגאַנצען פאַרנומען און ווערן שוין לאַנג בּעאַרבּייט. פריַיע ערד איז דאָ אין די צפון-פראָווינצען, וואו די נאַטור איז שוין ווייניגער גינסטיג און וואו די ערד איז כּמעט דורכאויס בּעדעקט מיט וואַלד. אגב איז אין די מזרח-פראָווינצען די בּעפעלקערונג שוין די לעצטע צייט געוואָרען פיעל געדיכטער, ווייל דאָ געפינען זיך פיעל פאָרטען וואו עס שטייגען

אויס עמיגראַנטען וואָס זוכען אַרבייט; דערום איז אין די ערטער דער אַרבייטס-לוין שוין אַ ביסעל נידעריגער ווי אין די פּראָווינ־צען וואָס ליגען מעהר צו מערב-זייט.

צו מערב-זייט פון די אויבענדערמאָהנטע שטעדט ליגען די צענטראַל-פּראָווינצען: מאַניטאָבאַ, סאַסקאָטשעוואַן און אַלבערטאַ *) צו די ערשטע פון די דריי פּראָווינצען געהערט די גרויסע וויכטיגע שטאָדט ווינניפּעג (70 טויזענד איינוו.).

די אַלע דריי פּראָווינצען זענען שוין ווענעיגער בעזעצט; דאָ זיינען מעהרסטענטייל סטעפּעס. נאָר אין די נידריגע ערטער, וואו עס פליסען טייכען, געפינען זיך וועלדער. נאָך דעם חאַראַקטער פון דעם קלימאַט און פון דער ערד דערמאָהנען די פּראָווינצען דעם טייל פון רוסלאַנד וואו עס איז טשערנאָזיאָם. דער טייל קאַנאַדאַ איז דער הויפּטצענטער פון דער קאָלאָניזאַציאָן; אַהער קומען אָן עמיגראַנטען ניט נאָר פון אייראָפּאַ, נאָר פון די פערײ־איניגטע שטאַטען אויך. דאָ געפינען זיך בערך 30 מיליאָן דעסיאַ־טינעס גוטע ערד וואָס טויג צו בעאַרבייטען; דערפון איז ביז 18 מיליאָן דעסיאַטין נאָך ניט פאַרנומען.

וואָס מעהר צו מערב-זייט, ווערט אַלץ דאָס לאַנד העכער און העכער. וואָס ווייטער פערנעהמט זיך די בעפעלקערונג אַלס ווענעיגער מיט ערדאַרבייט און מעהר מיט פיה-צוכט.

די פעלזענבערג טיילען אָב די צענטראַל-פּראָווינצען פון דער עקסטער מערב-פּראָווינץ קאַנאַדאַ — בריטיש-קאָלומביאַ וועלכע ליגט ביים סאַמע שטילען ים. אין דער פּראָווינץ געפינען זיך צוויי גרויסע ראַפּענשטעדט: וואַנקוווער (26 טויזענד איינוו.) און וויקטאָריאַ (20 טויזענד איינוו.) די פּראָווינץ איז רייך אין בערג און אין וואַלד און בעזיצט זעהר פיעל אַלערהאַנד מינעראַלען און שטיינקויהלען. דער קלימאַט איז דאָ ווייך און פייכט, און דעריבער וואַקסען דאָ זעהר גוט אַלערליי פרוכט און וויינטרויבען. ליידער

*) די לעצטע צוויי פּראָווינצען ווערן דאָס רוב אָנגערופען די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס; אַהער געהערן אויך אַריין די פריהערדיגע פּראָווינצען אססיניבאָיאַ און אַטאַבאַסקאַ.

ליעגט דאס לאנד ווייט פון די פארטען אין וועלכע עס שטייגען אויס די עמיגראנטען.

פון די צפון-טעריטאריעס פון קאנאדא קען מען זאגען אז זיי זיינען נאר ווייניג בעזעצט; דא פערנעהמען זיך די איינוואוהנער דאס רוב מיט יאגד און מיט פיש-געשעפט. די טעריטאריע יוקאן איז בעריהמט צוליב די גאלדגרובען וואס מען האט דארט גאר ניט לאנג ענטדעקט.

## די פאליטישע איינריכטונג.

קאנאדא ווערט גערעכענט פאר אן ענגלישע קאלאניע, אבער דאס לאנד האט א פאלשטענדיגע אויטאנאמיע, ד. ה. זי ווערט רעגירט דורך איהרע אייגענע פארשטעהער און נאך איהרע אייגענע תקנות. יעדע פראווינץ האט איהר פארלאמענט און איהר אייגענעס מיניסטעריום. די אלגעמיינע פערוואלטונג פון גאנצען לאנד ליגט אין די הענד פון א פעראייניגטען פארלאמענט און א פעראייניגטען מיניסטעריום וואס געפינען זיך אין אטאוא (פראווינץ אנטאריא). איבערהויפט קען מען זאגען אז די מלוכה-פארמע פון קאנאדא איז א פרייע און א פאלשטענדיג דעמאקראטישע. יעדער עמיגראנט וואס איז אבגעוועזען אין קאנאדא דריי יאהר, קען ווערען א קאנאדער בירגער און בעקומט אלע פאליטישע רעכטע. קיין מיליטערדינסט איז אין קאנאדא ניטא.

## שפראך, אמונה און שולען.

די הויפטשפראך אין קאנאדא איז די ענגלישע, רעדען און פארשטעהען ענגליש מוז יעדערער וואס וויל זיך בעזעצען אין לאנד און פערדינען זיין לעבענסמיטעל. אין די מזרח-פראווינצען רעדט א גרויסער טייל פון דער בעפעלקערונג פראנצויזיש און אין דער פראוו. קוועבעק ווערט טאקי דאס רוב גערעדט די שפראך.

דאס רוב איינוואוינער פון קאנאדא זיינען פראטעסטאנטען, נור אין די מזרח-פראווינצען איז די קאטוילישע רעליגיאן זעהר פערשפרייט. די פראנצויזישע בעפעלקערונג איז דורכאויס קאטויליש; אלע רעליגיאנען זיינען אין קאנאדא גלייך פאר'ם געזעץ.

אין אַלע קאַנאַדישע פּראָווינצען אויסער קוויבעק זיינען די עלטערן מחויב צו לערנען זייערע קינדער. די שולען זיינען מעהרסטענטהיילס בירגער-שולען — ד. ה. אַזעלכע וואָס ווערן געפיהרט ניט פון גייסטליכע נאָר פון געוועהנליכע לעהרער אָדער לעהרערינען: פּונדעסטוועגען האָבען די קאַטוילקען בעזונדערע אייגענע שולען; די אידען שיקען געוועהנליך זייערע קינדער אין די זעלביגע שולען וואו די פּראָטעסטאַנטען. אין קאַנאַדאַ איז דאָ עטליכע אוניווערסיטעטן.

## די אידישע בעפעלקערונג.

אין קאַנאַדאַ רעכענט זיך אַנערך 50 טויזענד אידישע איינוואוינער. דאָס רוב ווערען געפינט זיך אין די פּראָווינצען קוויבעק (אין דער שטאָדט מאָנטרעאָל און די אַרומיגע געגענדען — אַנערך 30,000 מאַן), אָנטאַריאָ (אין דער שטאָדט טאָראָנטאָ — אַנערך 10—8 טויזענד מאַן) אין מאַניטאָבאַ (אין דער שטאָדט וויניפּעג — אַרום 7,000 מאַן). אַ חוץ די אָנגערופענע שטעדט, וואו יודען געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָהל, וואָהנען קליינע גרופּען יודען אין פיעל אַנדערע שטעדט. למשל, אין האַליפאַקס (פּראָוו. נייע-שאָטלאַנד), סיינט-דזשאָן (פּראָוו. נייע-בראַנשוויג), אָטאַוואַ, האַמילטאָן און לאָנדאָן (אַלע דריי אין דער פּראָוו. אָנטאַריאָ), אין קוועבעק. אויף זעהר פיעל סטאַנציעס פון דער גרויסער קאַנאַדישער אייזענבאַהן, וואָס געהט פון שטילען ים צום אַטלאַנטישען, קען מען געפינען צוויי אָדער עטליכע יודישע פאַמיליעס. אין דער ווייטעסטער מערב-פּראָווינץ, בריטיש-קאָלומביאַ, וואָהנען יודען אין דער שטאָדט וויקטאָריאַ. זיי האָבען דאָרט נאָך אין יאָהר 1862 אויסגעבויט פאַר זיך אַ שוהל. מיט יעדען יאָהר ווערט די צאָהל יודען אין קאַנאַדאַ אַלץ גרעסער.

אין קאַנאַדאַ זיינען שוין פאַרהאַן אַ געוויסע צאָהל אידישע קאָלאָניסטען. דריי אידישע קאָלאָניעס געפינען זיך אין דער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן (אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס); די קאָלאָניע הירש ליגט 6 מייל פון טיך מאָוז און 12 מייל פון דער גרענעץ פון די פעראייניגטע שטאַטען, דער קלימאַט

פון דעֶר קאָלאָנִיעֶ אִיז זֵעהר אַ געֶזוּנדעֶר; דִי עֶרד בּעֶשטעֶהט פון טשעֶרנאָזִיאָם (שװאַרץ-עֶרד) דעֶר הויפּט פּראָדוּקט אִיז דאָ װײץ. דִי קאָלאָנִיעֶ עֶקזִיסטִירט שוין צײט 15 יאָהר און אִין אִיהר װאָהנעֶן בִּיז 50 פאַמִילִיעֶן, װעֶלכעֶ בּעֶאַרבּײטעֶן צוזאַמעֶן בִּיז 11 טויזעֶנד אַקעֶר עֶרד.

דִי קאָלאָנִיעֶ װאַפּעֶללאַ לִיגט אִין דעֶם דרום-מזרח'דִיגעֶן טײל פון דעֶר זעֶלבִּיגעֶר פּראָװ. סאַסקאַטשעֶװאַן, בּײ דעֶר גרויסעֶר קאַנאַדִישעֶר אײזעֶנבּאַהן פון שטִילעֶן ים. דִי קאָלאָנִיעֶ אִיז געֶגרִינדעֶט געֶװאָרעֶן אִין 1894 טעֶן יאָהר פון 20 אִידִישעֶ פאַמִילִיעֶן. דִי קאָלאָנִיסטעֶן האָבּעֶן שטעֶנדִיג געֶהאַט אײגעֶנעֶ מִיטלעֶן און האָבּעֶן נִיט געֶדאַרפט אָנקומעֶן צו פרעֶמדעֶ הִילף. אִיצט װאָהנעֶן אִין װאַפּעֶללאַ 36 פאַמִילִיעֶן.

דִי גרעֶסטעֶ אִין דִי יוּנגסטעֶ אִידעֶשעֶ קאָלאָנִיעֶ אִיז קאַפּעֶל (Qu'Apelle) נאָרדעֶנט פון דעֶר אַײזעֶנבּאַהן-סטאַנציעֶ װאָס טראָגט דעֶם זעֶלבּעֶן נאָמעֶן. דִי קאָלאָנִיעֶ אִיז געֶגרִינדעֶט אִין 1901, אִין אָנפאַנג האָבּעֶן זִיךְ דאָ בּעֶזעֶצט 365 עֶמִיגראַנטעֶן, נאָר גאָר אִין אַ קורצעֶ צײט זעֶנעֶן אַ העֶלפט פון זײ אַװעֶקגעֶפאָהרעֶן פון דאַנעֶן; הײנט האָט זִיךְ דִי קאָלאָנִיעֶ װִידעֶר אויפגעֶהויבּעֶן און עֶרשט װאָהנעֶן דאָ בִּיז 500 מאַן.

אִין דעֶר פּראָװִינץ מאָנִיטאַבּאַ געֶפִינט זִיךְ נאָךְ אַ יוּדִישעֶ קאָלאָנִיעֶ בּעֶנדעֶר, 65 מײל פון װִינִיפּעֶג און אַ װאָרסט 40 פון אַנ'אַײזעֶנבּאַהן-סטאַציעֶ. מעֶן האָפט אַז אִין קורצעֶן װעֶט מעֶן צופִיהרעֶן דִי בּאַהן נעֶהנטעֶר. עֶרשט געֶפִינעֶן זִיךְ אִין דעֶר קאָלאָנִיעֶ אַנ'עֶרךְ 25 פאַמִילִיעֶן — כמעט אַלעֶ רוסִישעֶ יודעֶן און געֶנִיטעֶ עֶרדאַרבּײטעֶר, דִי עֶרד אִיז דאָ זעֶהר גוּט פאַר האָבּעֶר; מעֶן קעֶן אויךְ זײעֶן װײץ. װעֶלדעֶר פעֶהלעֶן דאָ אויךְ נִיט.

## מַטְבֵּעוֹת.

אִין קאַנאַדאַ װעֶרעֶן געֶבּרויכט דִי זעֶלבּעֶ מטבעות, װאָס אִין דִי פעֶראײנִיגטעֶ שטאַטעֶן פון אַמעֶרִיקאַ. מעֶן רעֶכעֶנט דאָרט אויף דאָלאַרעֶן און סעֶנטעֶן. אַ דאָלאַר אִיז אויף רוסִישעֶ געֶלד אַנ'עֶרךְ צװײ רוּבּל (1 רוּבּל 94 קאָפּ') און בּעֶשטעֶהט פון 100

סענט (אַ סענט בערך 2 קאָפּ'). אויף ענגליש שרייבט זיך אַ דאָ־
לאַר אַזוי: $

אין וועג קומט אויס דעם עמיגראַנט האָבען צו טהון אויך
מיט דייטשע און ענגלישע מטבעות. אין דייטשלאַנד רעכענט
מען אויף מאַ־קען. אַ דייטשע מאַרק איז אויף רוסישע געלד
אַנ'ערך 47—46 קאָפּ', און בּעשטעהט פון 100 פפעניג. אין
ענגלאַנד רעכענט מען אויף פונטען שטערלינג. אַ פונט שטערלינג
איז אויף רוסישע געלד 9.50 רובל און בּעשטעהט פון 20 שילינג
(אַ שילינג בערך 50 קאָפּ'), אַ שילינג ווערט איינגעטיילט אויף
12 פענס (אַ פענס בערך 4 קאָפּ').

## ווי אַזוי מען פאָהרט אין קאַנאַדאַ.

ווינטער שטעלן זיך אָב די שיפען נאָר בּיי די 2 קאַנאַדישע
פּאָרטען וואָס ליגען גאָר אין מזרח-זייט פון ים — אין האַליפאַקס
און אין סען-דזשאָן, פון אַפּריל בּיז נאָוועמבּער דערגרעהען די
פּאַראָחאָדען איבער'ן טייך סען-לאָראַן טיעף אין לאַנד אַריין בּיז
קוועבּעק און מאָנטרעאָל. די פּאַסאַזשירען וואָס פאָהרען אין צווי־
שענדעק געהען געוואוינלייך אַראָב אין קוועבּעק און פון דאָרטען
פאָהרען זיי צו מיט'ן אייזענבאַהן. בּיז מאָנטרעאָל אויפ'ן פּאַראָחאָד
פאָהרען נור די פּאַסאַזשירען פון צווייטע קלאַס.

דירעקטע רייסען קיין קאַנאַדאַ (מען זאָל זיך גאָר אין ערגעץ
ניט דאַרפען איבערזעצען) מאַכען נור די פּאַראָחאָדען וואָס געהען
פון אַנטווערפּען און פון די ענגלישע פּאָרטען: ליווערפּול, גלאַסגאָ;
זומער געהען פון האַמבּורג אויך פּאַראָחאָדען גלייך בּיז קאַנאַדאַ.
די לעצטע צייט קאָן מען שוין פאָהרען פון ליבּוי דירעקט קיין
אַמעריקאַ; דאַמאָלס פאָהרט מען פון ליבּוי בּיז ניו-יאָרק און
פון דאָרטען מיט דער אייזענבאַהן בּיז קוועבּעק, מאָנטרעאָל,
אָדער אַנ'אַנדער קאַנאַדישע שטאָדט. פון ניו-יאָרק בּיז קוועבּעק
קאָסט $18^{1}/_{2}$ רובּל, בּיז מאָנטרעאָל—14 ר', בּיז טאָראָנטאָ $18^{1}/_{2}$ רובּל.

די פּרייזען פון די שיפסקאַרטען בּייטען זיך אָפט; די
לעצטע הויפּטפּרייזען זיינען אָנגעוויזען אין סוף בּיכעל אין אַ בּעַ־
זונדערער טאַבּעליצע (זעה זייטע 32).

## באַגאַזש.

מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך צופיעל זאַכען. דאָס פיהרען זיי, דערהויפּט מיט די באַהנען, און דאָס אַריבערפיהרען פון באַהן צום שיף קאָסט זעהר טייער און פערשאַפט דעם עמיגראַנט אַ סך מיה און חלאָפּאָט. מען דאַרף ניט נעהמען מיט זיך קיין זאַכען, וואָס פערנעהמען אַ סך אָרט און אַזוינע, וואָס קענען זיך צובּרעכען אויפ'ן וועג, ווי כלים צו דער מלאכה אָדער צו ערד־אַרבּייט, וואָרום פאַר דאָס געלד, וואָס זיי קאָסטען דאָ און וואָס דאָס אַריבערפיהרען וועט אָבּקאָסטען, קען מען זיי געוויס קויפען דאָרט אויפ'ן אָרט און אפשר נאָך בּיליגער. אויך דאַרף מען ניט נעהמען מיט זיך קיין מעבּעל, ווי למשל: טישען, שטולען, בּעטען, וואָס לייגען זיך ניט צונויף, בּכלל זאַכען וואָס פערנעהמען אַ סך אָרט. דעם בּאַגאַזש דאַרף מען איינטיילען אין צוויי חלקים. בּעזונדער דאַרף מען פערפּאַקען די זאַכען, וואָס מען וועט זיי דאַרפען האָבּען ערשט נאָכ'ן אָנקומען אויפ'ן אָרט, און ווידער בּעזונדער די זאַכען, וואָס מען מוז זיי געבּרויכען אויפ'ן וועג. די זאַכען, וואָס אויפ'ן וועג דאַרף מען זיי ניט האָבּען, דאַרף מען גוט פערפּאַקען אין קאַסטענס, טשעמאָדאַנעס אָדער אויף אַנ'אַנדער אופן, אַז קיין וואַסער זאָל ניט דורכגעהן און מען זאָל עס קענען פערמאַכען אויף אַ שלאָס. די זאַכען דאַרף מען גוט איינלייגען, כּדי זיי זאָלען זיך ניט וואַרפען און ניט שאָקלען בּשעת'ן פאָהרען און זאָלען איבּער דעם ניט צובּראָכען ווערען. די קאַסטענס, טשעמאָדאַנעס א. ז. וו. דאַרף מען אָבּער ניט פערנייען אָדער פערבּינדען מיט אַ סך שטריק, וואָרום אין די טאַמאָזשנעס אויף די גרעניצען דאַרף מען זיי עפענען. אויף יעדער קאַסטען, טשעמאָדאַן א. ז. וו. דאַרף מען מיט קלאָרע אותיות אָנשרייבען מיט טינט אָדער אייל־פאַרבּ דעם נאָמען און די פאַמיליע פון דעם עמיגראַנט און די פּאָרט־שטאָדט וואו ער פאָהרט. דאָס דאַרף זיין אָנגעשריבען אויף דייטש אָדער פראַנצויזיש. מען קען דאָס אַלץ אָנשרייבען אויך אויף בּעזונדערע ליינוואַנטענע צעטלען און צונייען אַזאַ צעטעל צו יעדער קאַסטען, טשעמאָדאַן א. ז. וו.; ווען דער עמיגראַנט וועט דאָס ניט טהון, קען ער האָבּען גרויסע

היזקות. אויב דער עמיגראַנט פאָהרט מיט'ן באַהן ביז דער פאָרט-שטאָדט, וואו ער דאַרף זיך זעצען אויף'ן שיף, לוינט איהם, אויב ער האָט אַ סך באַגאַזש, אָפּצוהיטער אַיועקצושיקען דעם באַגאַזש „מאַלאָי סקאָראָסטיו"; מען דאַרף נאָר אויסרעכענען, דער באַגאַזש זאָל אויף געוויס אָנקומען איידער דאָס שיף וועט אָבפאָהרען.

דעם באַגאַזש דאַרף מען שיקען אויף'ן נאָמען פון דער שיפס-געזעלשאַפט, מיט וועלכער דער עמיגראַנט פאָהרט.

אויב דער באַגאַזש פון עמיגראַנט האָט פערשפּעטיגט און ער האָט געמוזט אַיועקפאָהרען אָהן איהם, דאַרף ער וועגען דעם באַלד, ווי ער וועט קומען צו פאָהרען אויף'ן אָרט, מודיע זיין דעם אַגענט פון דער שיפס-געזעלשאַפט, וואָס ער איז מיט איהרען אַ שיף געקומען צו פאָהרען, און דאַרף זעהען אָבנעהמען דעם באַגאַזש. אויב דער עמיגראַנט וועט עס אָבלייגען און וועט ניט זאָרגען באַלד וועגען דעם, קען דער באַגאַזש גאָר אינגאַנצען פערפאַלען ווערען.

דער עמיגראַנט וואָס פאָהרט פון ליבוי, מעג פיהרען מיט זיך אומזיסט 6 פוד באַגאַזש. וואָס ער פיהרט מעהר, צאָהלט ער צו 1,75 רובל פאַר אַ פוד; די קאַסטענס, טשעמאָדאַנעס א. ז. וו. דאַרפען ניט האָבען יעדער פאַק מעהר ווי $1^1/_2$ אַרשין די לענג, 1 אַרשין די הויך און 1 אַרשין די ברייט.

די עמיגראַנטען, וואָס זעצען זיך אויף'ן שיף אין אַנטווערפען אָדער אין האַמבורג מעגען פיהרען מיט זיך אומזיסט 100 קילאָגראַם באַגאַזש (6 פוד מיט 5 פונט); קינדער, וואָס פאָהרען מיט אַ האַלבען בילעט, מעגען פיהרען אומזיסט 50 קילאָגראַם באַגאַזש. וואָס מעהר, ווערט געצאָהלט 25 מאַרק (אַרום 12 רובל) פאַר יעדע 100 קילאָגראַם. אויף די ענגלישע פאַראַחאָדען האָט יעדער ערוואַקסענער פּאַסאַזשיר פון צווישענדעק דאָס רעכט אויף 10 און יעדעס קינד אויף 5 קוביק-פוס, באַגאַזש אָהן געצאָהלט.

אויף די אייזענבאַהנען אין פּרייסען און עסטרייך גילטען פאָלגענדע תקנות וועגען באַגאַזש: אַ פּאַסאַזשיר פון 3-טען קלאַס

מעג פיהרען אומזיסט 62 פונט באגאזש, אין 4-טען קלאס (אין פרייסען) מעג א פאסאזשיר נעהמען באגאזש נאר מיט זיך אין וואגאן און וויפיעל א דערוואקסענער מענש קען אויפהויבען,

אויף די אייזענבאהנען אין ענגלאנד טאר מען פיהרען באגאזש ניט מעהר ווי 112 ענגלישע פונט (129 רוסישע פונט; א ענגלישער פונט איז גלייך $1^1/_8$ רוס. פונט), אין קאנאדא דארף דער באגאזש פערנעהמען ניט מעהר ווי 10 קוביק-פוס און וועגען ניט מעהר ווי 150 ענגלישע פונט. וואס מעהר, ווערט אין קאנאדא געצאהלט $12^0/_0$ פון דעם פרייז פון באהן-בילעט פאר יעדע 100 ענגל. פונט.

## וואס דארף דער עמיגראנט נעהמען מיט זיך.

קליינע הויז-געריט, ווי מעסער, גאפעל און לעפעל, געשיר, בעט-געוואנד, טישטיכער, ניי-מאשינען, קליינע אינסטרומענטען און דעסגל. קען דער עמיגראנט נעהמען מיט זיך, ער דארף נאר ניט נעהמען קיין שווערע זאכען. פון קליידער דארף יעדער עמיגראנט, אויב עס איז נאר מעגליך, נעהמען מיט זיך פאלגענדעס:

מאנסבילען: 1) אויף צו טראגען אין וועג: א לאנגען וואטערמען מאנטעל, א גוטען בגד, א פאר שטיוועל, א וואלענע קאלדרע, א ווארימע היטעל און א האלז-טיכעל, וועש, טיכלעך, האנדטיכער און דיקע לייווענטענע הויזען; 2) אויף צו טראגען קומענדיג אין קאנאדא: א צווייטען בגד, א צווייטע פאר שטיועל און 4—3 פאר וועש.

פרויען: 1) אויף צו טראגען אין וועג: איין ווארימע קלייד, א פאר קאמאשען, א ווארימען מאנטעל אדער א זשאקעט, א וואלענע קאלדרע און א האלז-טיכעל, א הוט וואס זיצט גוט אויפ'ן קאפ, וועש, טיכלעך, נעה-געצייג און א לייווענטענעם זעקיל; 2) אויף צו טראגען קומענדיג צו פאהרען אין קאנאדא: א צווייטע ווארימע קלייד, א צווייטע פאר קאמאשען, א באוועל-קלייד, טיכלעך, האנדטיכער און 4—3 פאר וועש.

קינדער: ווארימע קליידער, מאנטלען, שיך און 4—3 פאר וועש אין וועג און אויף צו טראגען שפעטער.

## די אײַזענבאַהנען אין קאַנאַדאַ.

קאַנאַדאַ איז פון איין עק ביז'ן אנדערען פון מזרח צו מערב דורכגעשניטען מיט אַ גרויסער אײַזענבאַהן וואָס רופט זיך קאַנאַדישע אײַזענבאַהן פון שטילען ים (Canadian Pacific Railway), און אָט מיט דער באַהן קומט אוים דאָס רוב צו פאָהרען די עמיגראַנטען.

אומזיסטע בילעטען אויף צו פאָהרען מיט'ן באַהן גיט מען ניט אין קאַנאַדאַ. עכענוואַרג אויף'ן וועג דאַרף זיך דער עמיגראַנט אײַנקויפען דאָרט. וואו ער זעצט זיך אין וואַגאָן: קאָנסערווען, טיי, אַ טשײַניק, אַ קעסטעל געדיכטע מילך און דעסגל. בילעטען אויף צו פאָהרען אין קאַנאַדאַ מיט'ן באַהן דאַרף מען קויפען אין אייראָפּאַ, צוזאַמען מיט דער שיפס־קאַרטע. מיר ברייננגען דאָ די פרײַזען פון די באַהן־בילעטען, וואָס זיי קאָסטען ווען מען קויפט זיי אין אייראָפּאַ צוזאַמען מיט די שיפס־קאַרטע:

| | פון קוועבעק קאפ' רובל | פון מאָנטרעאַל קאפ' רובל | פון סען־דזשאָן אָדער האַליפּאַקס קאפ' רובל |
|---|---|---|---|
| ביז קוועבעק | — — | 6.50 | 10,85 |
| „ מאָנטרעאַל | 6,50 | — — | 10,85 |
| „ אָטאַוואַ | 11,25 | 5,60 | 15,80 |
| „ טאָראָנטאָ | 15,90 | 13,20 | 15,90 |
| „ האַמילטאָן | 15,90 | 15,90 | 15,90 |
| „ ווינניפּעג | 35,50 | 35,50 | 35,50 |
| „ קאַפּעל | 42 | 42 | 42 |
| „ וואַנקוווער | 77,40 | 77,40 | 77,40 |
| „ וויקטאָריאַ | 80,60 | 80,60 | 80,60 |

די פרײַזען קענען זיך מיט דער צײַט בײַטען.

## צו וועמען קען זיך דער עמיגראַנט ווענדען אין קאַנאַדאַ.

אין די שטעדט, וואו די עמיגראַנטען קומען אָן: קוועבעק און מאָנטרעאַל (אין דער פּראָווינץ קוועבעק), האַליפּאַקס (נײַ־שאָטלאַנד) און סען־דזשאָן (נײַ־בּרונסוויג) זענען פאַראַן ספּע־

צוּעֶלעֶ סטאַנצוְעֶס פאַר דיִ, וואָס קענען ניט צאָהלען פאַר קיין צימער. די עמיגראַנטען קענען דאָרט זיין אַ קורצע צייט, נאָר פאַר דאָס עסען דאַרפען זיי צאָהלען.

אין מאָנטרעאַל געפינט זיך ביי דעם „באַראָן דע הירש אינסטיטוט" (250 Bleury str.) אַ קאָמיטעט פאַר בעלי-מלאכות און אַרבייטער; דער קאָמיטעט וואָס איז פערבונדען מיט אַלע אַנ־דערע גרויסע שטעט ווייזט אָן וואו מען קען געפינען פאַסענדע אַרבייט, אין וועלכע פּראָווינץ עס איז גלייכער צו פאָהרען א. א. וו. אויסערדעם האַלט אויס דער קאָמיטעט שולען פאַר דערוואַקסענע יודישע עמיגראַנטען און פאַר זייערע קינדער.

אין האַליפּאַקס קאָנען די עמיגראַנטען זיך ווענדען צו באַראָן הירש'ס צדקה-חברה („באַראָן דע הירש בענעוואָלענט אינס־טיטושאַן). אין טאָראָנטאָ — די יודישע צדקה-חברה: „היברו בענע־וואָלענט סאָסייעטי", אין וואַנקוּווער — די יודישע צדקה-חברה (היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי"), אין וויקטאָריאַ (בריטיש-קאָלומביאַ) — דער יודישער פרויען-פעראיין („היברו לעדיס אַסאָסיאיישאָן") און אַנד.

אין דער שטאָדט וויניפּעג (פּראָווינץ מאַניטאָבאַ) געפינט זיך אַ בעזונדער רעגירונגס-בעאַמטער—אַ עמיגראַציאָנס-קאָמיסאַר (קאָמישאָנער אָף אימיגרייזשן). ער גיט עצות און טיילט מיט די נויטיגע ידיעות יעדערען, וואָס וויל זיך בעזעצען אין מאַני־טאָבאַ אָדער אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס. אין די דאָ־זיגע צוויי פּראָווינצען געפינען זיך אין פיעל שטעדט ספּעציעלע עמיגראַציאָנס-בעאַמטע, געשטעלטע פון דער רעגיערונג, און אויך אומזיסטע סטאַנציעס פאַר עמיגראַנטען, וואָס קענען פאַר קיין דירה ניט צאָהלען. די עמיגראַנטען, וואָס ווילען זיך בענוצען מיט די סטאַנציעס, דאַרפען וועגען דיזע פריהער אָנשרייבען אַהין פון די בעאַמטע בעקומען די עמיגראַנטען אומזיסט ידיעות וועגען ערד און פערמעס, וואָס פערקויפען זיך, וועגען דעם, וואו עס ווערען געפאָדערט אַרבייטער, ווי גרויס איז דער לוין, ווי דאַרף מען פאָהרען און וואָס קאָסט דאָס פאָהרען.

אין די באַהן-צוגען, וואָס פאָהרען פון קוועבעק קיין מערב־

זײט פון דער אויבערשטער אָזערע, געפינען זיך שטענדיג רעגי-רונגס-בעאַמטע אום צו העלפען די עמיגראַנטען אין װעג און געבען זײ נויטיגע ידיעות.

װען אַ עמיגראַנט װערט קראַנק און קען אַלײן ניט זאָגען פאַר זיך, בעקומט ער פון דער רעגירונג מעדיצינישע הילף און װערט צוגענומען אין שפּיטאָל.

## אין װעלכע צייט איז גלייכער צו פאָהרען.

די בעסטע צײט צו קומען אין קאַנאַדאַ איז סוף מאַי; דאַן הייבען זיך אָן אומעדום אַלע ארבײט און אַלערהאַנד אַר-בײטער װערען שטאַרק געפאָדערט. אָנהויב זומער איז אויך ניט קײן שלעכטע צײט צו קומען. דערפאַר אין הערבסט אָדער װינ-טערצײט דאַרפען נאָר קומען אַזעלכע עמיגראַנטען װאָס האָבען גענוג מיטלען דורכצולעבען דעם װינטער אָהן אַרבײט, אָ־ער װאָס האָבען אַזעלכע נאָהענטע קרובים װאָס זאָלען זײ האַלטען בײ זיך. אָדער װידער אַזעלכע װאָס האָבען זיך אָנגעזאָגט אַרבײט נאָך זײענדיג אין רוסלאַנד. דינסטמײדלאַך קענען דאָ געפינען אַרבײט צו יעדער צײט.

## װער עס װערט ניט אַרײנגעלאָזען אין קאַנאַדאַ.

אין קאַנאַדאַ װערן ניט דערלאָזען די װאָס לײדען פון אַ װעלכע עס איז עקעלהאַפטע געפעהרליכע אָדער אָנשטעקענדע קראַנקהײט, בעזונדערס פון די אויגענקראַנקהײט טראַחאָמאַ אָדער פון פאַרחעם (פאַװאָס).

פאַר די עמיגראַנטען װאָס פאָהרען איבער קאַנאַדאַ אין די פערײניגטע שטאַטען זײנען דאָ אײנגערוכטעט אַזעלכע אימי-גראַציאָנס-סטאַנציעס װי אין די פּאָרטען פון די פערײניגטע שטאַטען. מען דאַרף דערוויבער זיך ניט אײנרעדען אַז איבער קאַנאַדאַ איז לײכטער אַרײנחאַפּען זיך אין די פעראײניגטע שטאַטען, דאָס איז אַ טעות, אויב דאָס איז אַזאַ עמיגראַנט װאָס די רע-גירונג פון די שטאַטען װעט איהם ניט אַרײנלאָזען, װעט איהם די קאַנאַדער רעגירונג אויך אַרויסשיקען פון לאַנד.

מען דאַרף אויך ניט פאַרגעסען אַז דאָ אין קאַנאַדאַ קען מען ניט אָנקומען צו די העכערע אַדמיניסטראַציע און קלאָגען



ЛАБРАДОРЪ
ЗАЛИВЪ
О. Ньюфаундлендъ
Квебекъ
Монтреаль
Отава
Торонто
Буфало
Ньюоркъ
Сенмэри
р. Олбани


# קאַנ:


АЛЯСКА
Юконъ
СѢВЕРОЗАПАДНЫЯ ТЕРРИТОРІИ
БРИТАНСКАЯ КОЛУМБІЯ
АТАБАСКА
АЛЬБЕРТА
АССИНИБОІЯ
САСКАЧЕВАНЪ
МАНИТОБА
ТИХІЙ ОКЕАНЪ
С О Е Д И Н Е
Оз. Бол. Медвѣдя
Оз. Атабаски
Р. Макензи
Р. Фразеръ
Р. Нельсонъ
Калгари
Ванкуверъ
О. Ванкуверъ
Викторія
Агасисъ
Виннипегъ
Брандонъ
130
120
110
100
90
80
70
60
50
140

זיך אַז מען לאָזט ניט אַריין. פונדעסטוועגען, אויב דער עמיגראַנט האָט דורכאויס אַז מען לאָזט איהם ניט אַריין צוליב אַ טעות, אָדער אַז די רעגירונג איז איבערהויפּט אונגערעכט געגען איהם, קאָן ער זיך ווענדען צו דער מאָנטרעאַל'ער צדקה חברה „באַראָן דע הירש אינסטיטוט" (Bleury Street 250).

אין די ווייטערע קאַפּיטלען וועלען אָנגעוויזען ווערן די קאַטעגאָריעס אַרבייטער וואָס קענען אין אַ געוויסער צייט בעזעצען זיך אין קאַנאַדאַ.

## ערד-אַרבייטער.

מעהר ווי אומעטום ווערן געפאָדערט אַרבייטער אין דער פּראָוו. מאַניטאָבאַ און אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס. בשעת די אַרבייט אויפ'ן פעלד אָבער, קומען אַהין אין זעהר פיעל ערד-אַרבייטער פון די מזרח-פּראָווינצען; דעריבער איז פאַר די ניי-אָנגעקומענע עמיגראַנטען בעסער צופאָהרען קיין אָנטאַריאָ, איידער קיין מאַניטאָבאַ. כמעט אומעטום פיהרט זיך, אַז עמיגראַנטען אָהן פאַמיליעס בעקומען גיכער אַרבייט, ווי די וואָס האָבען מיט זיך אַ פאַמיליע. עס ווערט אַ צט איינגעפיהרט אין קאַנאַדאַ, אַז מען דינגט אַרבייטער אויף אַ גאַנץ יאָהר, דאָס רוב אָבער דינגט מען זיי דאָרט נאָר אויף 8—7 מאָנאַטען. אויף די ווינטערדיגע חדשים פערלאָזען די אַרבייטער די פערמעס און געהען זיך זוכען פערדינסטען: אין אָנטאַריאָ און אין די מזרח-פּראָווינצען אַרבייטען זיי אויף די פאַבריקען, אין די גרובען, זענען בעלי-עגלות; אין מאַניטאָבאַ און די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס אָרדנען זיך אַנדערע איין אויף איינענע שטיקער ערד, וואָס די רעגירונג גיט דאָרט אומזיסט; אין ברי‌טיש-קאָלומביאַ פערנעהמען זיי זיך מיט פישעריי, אַרבייטען אין די גרובען און אַלס בעלי-עגלות.

אין דורכשניט פערדינט אַן אַרבייטער אין פערלויף פון די 8—7 מאָנאַטען, אַ חוץ קעסט: אין דער פּראָווינץ קוועבעק פון 10 ביז 20 דאָלאַר אַ מאָנאַט (אָדער 35—25 דאָלאַר אַ מאָנאַט אויף איינענע קעסט); אויף פּרינץ עדוואַרד'ס אינזעל פון 10 ביז 18 דאָלאַר; אין אָנטאַריאָ פון 16 ביז 29 דאָלאַר.

אין נײַ-בּרונשוױיג און נײַ-שאָטלאַנד פּערדינט מען פון מאַי ביז נאָװעמבּער פון 10 ביז 20 דאָלאַר אַ מאָנאַט. אין מאַניטאָבּאַ איז דער דורכשניט-לוין 20—27 דאָלאַר אין די זומערדיגע מאָנאַטען און 15—5 בשעת'ן װינטער, אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס איז דער לוין 25—20 דאָלאַר אַ מאָנאַט מיט קעסט, אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ בּײַם שטילען ים. 35—15 דאָלאַר. אױף דער אינזעל װאַנקױער און אין עטליכע אַנדערע ערטער בּענוצען זיך די פערמערס מיט די בּיליגע יאַפּאַנישע און חינעזישע אַרבּײַטער און צאָהלען ארום 25 דאָלאַר אַ מאָנאַט אָהן קעסט אָדער 15 דאָלאַר מיט קעסט.

בּשעת דעם אָפּנעהמען פון די פעלדער שטײַגען די פּרײַזען, בּעזונדערס גוטע אַרבּײַטער קענען שטענדיג מעהר פערדינען.

װען מען מאַכט מיט'ן אַרבּײַטער אַ קאָנטראַקט אױף אַ גאַנץ יאָהר, צאָהלט מען איהם געװעהנליך װעניגער. אין אָנטאַריאָ צאָהלט מען געװעהנליך אַחוץ קעסט 160 דאָלאַר אַ יאָהר, אין אױסנאַהם-פעלען בּיז 200 דאָלאַר מיט קעסט; אין מאַניטאָבּאַ 120—250 דאָלאַר. אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ 240—350 דאָלאַר און אין נײַ-בּרונשװײַג 120—180 דאָלאַר אַ יאָהר.

## גערטנער.

אין אָנטאַריאָ צאָהלט מען די גערטנער פון 1 דאָלאַר בּיז 1 דאָל. 75 סענט אַ טאָג, אָבּער אַרבּײַט פאַר זײ איז פאַרהאַן נאָר אין פריהלינג. אין נײַ-בּרונשװײַג און אין דער פּראָװינץ קװעבּעק פערדינען גערטנער פון 12 בּיז 20 דאָלאַר אַ חודש מיט עסען, אין נײַ-שאָטלאַנד $1^1/_4$—1 דאָל. אַ טאָג מיט עסען; אין די אַנדערע פּראָװינצען װערען גערטנער גאָר ניט נעפאָדערט. אין מאָנטרעאַל און אין די געגענדען אַרום אַנדערע שטעדט, דערהױפּט װיניפּעג, קענען זיך גערטנער זעלבּסטשטענדיג אײנאָרדנען, האָבּענדיג אַ קלײנעם קאַפּיטאַל.

## בּעלי-מלאכות און פאַבּריק-אַרבּײַטער.

בּױ-אַרבּײַטער און בּעזונדערס טישלערס װערען געפאָדערט אין קאַנאַדאַ דערהױפּט אין פריהלינג און אין זומער, אין דער צײַט

אויך קענען בעקומען אַרבּײַט מוליאַרעס, טאַפּעצירער, מאָדעלירער, שטײנהאַקער, אַלערלײ מעחאַניקער, קאָטלער, שנײַדער, שוסטער און אַנדערע בעלי-מלאכות.

אין די דערפער וואָלטען געקענט פערדינען צום לעבּען שמידען און טשעסליאַרעס, וואָס האָבּען אַ קלײנעם קאַפּיטאַל און קענען זיך פערנעהמען מיט זײער מלאכה און צוגלײַך אַרבּײטען אויף אַ קלײנער פערמע.

די פאַבּריקאַציע איז דערהויפּט ענטוויקעלט אין די מזרח-פּראָווינצען, בעזונדערס אין אָנטאַריאָ, געװעהנליך בעקומט אַן אַרבּײטער אין דער מעטאַל-פאַבּריקאַציע מיט זײַן אײגענעם עסען פון $1^1/_2$ ביז $2^1/_2$ דאָללאַר אַ טאָג אין די מזרח-פּראָװינצען; פון 2 ביז $3^1/_2$ דאָלאַר אין מאַניטאָבּא; פון 3 ביז 4 דאָל. אין אַלבּערטאַ און אין סאַסקאַטשעװאַן, און דאָסזעלבּע אין בּריטיש-קאָלומבּיאַ. מוליאַרעס קענען פערדינען מעהר מיט אַ דאָלאַר, אָבּער װינטער מאַכט זיך דאָס רוב עטליכע װאָכען פּרעסט און אַלע אַרבּײַטען װערן אָבּגעשטעלט. אין װיניפּעג בעקומען מוליאַרעס 55 סענט אַ שעה און אַרבּײַט האָבּען זײ 8—7 מאָנאַט אין יאָהר. אין מאָנטרעאַל, אין האַמילטאָן און אין אָטאַװאַ קאָן מען פערדינען צו 45 סענט אַ שעה בײַ אַ 9 שעה׳דיגען אַרבּײַטסטאָג. אין טאָראָנטאָ צאָהלט מען פאַר די זעלבּיגע אַרבּײט 47 סענט אַ שעה און מען אַרבּײט 8 שעה אין טאָג. טשעסליאַרעס נעהמען אין װיניפּעג 35, אין טאָראָנטאָ — 32, אין קװעבּעק — 20, אין מאָנטרעאַל — 22 סענט אַ שעה; אין האַליפאַקס פערדינט אַ טשעסלער $2^1/_4$ דאָלאַר און אין סען-דזשאָן פון 2 ביז $2^1/_2$ דאָלאַר אַ טאָג.

זעצער בעקומען אין די מזרח-פּראָװינצען בּערך 2 דאָלאַר אַ טאָג; מעהר צו מערב-זײַט קענען זײ פערדינען בּיז 3 דאָלאַר אַ טאָג; דער אַרבּײַטס-טאָג דויערט פון 8 בּיז 9 שעה. קצבים, און בּעקער פערדינען אין קאַנאַדאַ פון 1 דאָל. 25 סענט בּיז 2 דאָלאַר אַ טאָג.

## װאַלד-געשעפט.

די װאַלד-אַרבּײט איז זעהר אַ שװערע און פאַר ניט געניטע אַרבּײטער איז זעהר שװער בעקומען אַרבּײט אין װאַלד-געשעפט.

אין אָטאַוואַ בעקומען האָלצזעגער און פּליטניקעס (די וואָס פיהרען אַראָב דאָס האָלץ) פון 28 ביז 30 דאָל. אַ מאָנאַט מיט עסען. אין די זעגמיהלען בעקומען די זעגער אין פערשידענע פּראָווינצען פון 1½ ביז 4 דאָלאַר אַ טאָג אויף אייגענע עסען. אין די זעגמיהלען אַרבייט מען 10—11 שעה אַ טאָג, און אין די וועלדער פון אין דערפריה ביז עס ווערט טונקעל. וואַלד-אַרבייט איז דאָ דערהויפּט ווינטערצייט און גרינגער פאַר אַלץ איז צו געפינען די אַרט אַרבייט אין די מזרח-פּראָווינצען און אין ברימיש-קאָלומביאַ; אין די צענטראַל-פּראָווינצען איז דאָ וועניג וועלדער.

## פּראָסטע אַרבייטער.

פאַר פּראָסטע אַרבייט בעקומט מען געוועהנליך אין קאַנאַדאַ פון 1½ ביז 2½ דאָלאַר אַ טאָג אָהן עסען. טרעגער וואָס פערנעהמען זיך מיט לאָדונגען, בעקומען אין האַליפאַקס 20 סענט אַ שעה ביי טאָג און 25 ביי נאַכט; אין מאָנטרעאַל צאָהלט מען פאַר די זעלביגע אַרבייט 25 סענט ביי טאָג און 30 ביי נאַכט. פּראָסטע אַרבייטער, דערהויפּט אויף צו גראָבען ערד, ווערן זעהר פיעל געפאָדערט אין פריהלינג-און זומערצייט; דאַמאָלס אַרבייטען טויזענדער מענשען ביים בויען און ביים פאַריכטען די אייזענבאַהנען.

## פרויען-אַרבייט.

פרויען צום בעדינען ווערן געפאָדערט אין קאַנאַדאַ אַ גאַנץ יאָהר סיי אין די שטעדט, סיי אין די דערפער. אין די שטעדט פון ניי-שאָטלאַנד און פון ניי-בראָנשוויג בעקומט אַ דינסט פון 6 ביז 10 דאָלאַר מאָנאַטליך און קוואַרטיר מיט עסען; אין קוועבעק — פון 8 ביז 12 דאָלאַר; אין אָנטאַריאָ — פון 10 ביז 12 דאָלאַר; אין מאַניטאָבאַ — אויך פון 10 ביז 12 דאָל. און אין ברימיש-קאָלומביאַ — פון 15 ביז 20 דאָלאַר.

וועשערינס (פּראַטשקעס) בעקומען אין מאָנטרעאַל פון 75 סענט ביז 1 דאָל. אַ טאָג אָהן עסען.

דינסטפרויען אויף די פערמעס בעקומען דירה, עסען

און פון 5 ביז 9 דאל. א חודש אין די מזרח-פראווינצען. אויסער אלע געוועהנליכע הייזליכע ארבייט מוזען זיי פאקען ברויט און שלאגען פוטער.

שניידערקעס און מארזסטקעס ווערען געפאדערט נאר אין איינציגע געגענדען, דעריבער דארפען זיי ניט פאהרען קיין קאנאדא, ניט האבענדיג זיך פריהער אנגעפרעגט צי עס וועט זיין פאר זיי ארבייט, סיידען זיי פאהרען צו קרובים. אין מאנטרעאל איז שוין פארהאן אזוי פיעל שניידערקעס, אז ארבייט איז פאר זיי זעהר שווער צו געפינען. אין אנטאריא פערדינען זיי אין דורכשניט 4 דאלאר א וואך; אין סען-דזשאן (ניי-ברונשוויג) צאהלט מען $1\frac{1}{4}$ דאל. א טאג פאר נייען מענסקע קליידער און פון $2\frac{1}{2}$ ביז 7 דאלאר פאר א פרויען-קלייד; אין וויניפעג (מאניטאבא) צאהלט מען 1 — $1\frac{1}{2}$ דאל. א טאג, אין מאנטרעאל — פון 75 סענט ביז 1 דאל. א טאג.

## דער ארבייטס-טאג אין קאנאדא.

איינגע ידיעות איבער די דויער פון דעם ארבייטסטאג אין קאנאדא האבען מיר שוין דא געבראכט. אין אלגעמיינעם קען מען זאגען אז דאס רוב ארבייט מען 9—10 שעה א טאג; דער 10 שעה'דיגער ארבייטס טאג איז איינגעפיהרט דערהויפט אין די מזרח-פראווינצען וואס ליגען ביים ים.

## לעבענס-מיטלען אין קאנאדא.

כמעט אלע לעבענסמיטלען קאסטען אין קאנאדא טייערער ווי אין רוסלאנד; נאר די פראדוקטען וואס אין רוסלאנד רעכענט זיך אויף זיי אקציז אדער אנדערע אבצאלונגען, ווי למשל צוקער און טיי, קאסטען דא ביליגער.

| | | | |
|---|---|---|---|
| רינד-פלייש | 1 | פונט | 8—17 סענט |
| קאלב-פלייש | „ | „ | 15—10 „ |
| קעז | „ | „ | 16—12 „ |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| פוטער | „ | „ | 25—18 | סענט |
| קאַװע | „ | „ | 40—25 | „ |
| רײַז | „ | „ | 6—4 | „ |
| װאורסט | „ | „ | 12—10 | „ |
| צוקער | „ | | $4^{1}/_{2}$—$3^{1}/_{2}$ „ | „ |
| טײ | „ | „ | 50—25 | „ |
| ברויט | 2 | „ | 10—6 | „ |
| אײער | 1 דוצענד | „ | 25—12 | „ |
| מעהל | 25 פונט | „ | 75—50 | „ |
| מילך | אַ טעפּיל | „ | 10—6 | „ |
| קאַרטאָפּעל | אַ בושעל | „ | 80—50 | „ |

(אַ ענגלישער פונט איז גלײך $1^{1}/_{8}$ רוסישע פינטען; אַ בושעל — 1,4 טשעטװעריק).

אויסער דעם ברײנגען מיר דאָ די פּרײזען פון אײניגע אַנדערע נויטיגע זאַכען:

אַ טאָן קױהלען (55 פּוד) — 8—6 דאָללאַר
אַ יאַרד ($1^{1}/_{4}$ אַרש.) שטוב-לײװענט 15—8 סענט
„ „ „ פלאַנעל 25—20 „
אַ פּאָר מענסק. אַרבײט-שוך — $2^{1}/_{2}$—$1^{1}/_{4}$ „
אַ מענסקער אַרבײטס קאָסטיום — 15—56 „
אַ קאָרדע ($^{1}/_{3}$ קוביק סאַזשען) האָלץ — 6 „

אין די גרויסע שטעדט פיהלט זיך אַ שטאַרקער מאַנגעל אין דירות פאַר אַרבײטער.

אין די שטעדט צאָהלט מען פאַר אַהויז פון 4 ביז 6 צימערן: אין די מזרח-פּראָװינצען — 14—7 דאָל. אַ חודש, אין מאַניטאָבאַ און אין די צפון-מערב'דיגע טעריטאָריעס 15—10 דאָל.; (אין װיניפּעג — פון 10 ביז 25 דאָללאַר). אויפ'ן לאַנד זענען דירות נאַטירליך װאָלװעלער. קאָלאָניסטען קויפען זיך דאָס רוב אַ פאַרטיגע הילצערנעם הויז װאָס נעהמט זיך פאַנאַנדער שטיקער װײז און װערט איבערגעטראָגען װאוהין מען פערלאַנגט, אָדער זײ קויפען האָלץ (פאַר 30—100 דאָללאַר) און בויען זיך אַלײן אויס-הײזער.

אײנצעלנע מענשען קענען האָבען אין די גרויסע שטעדט דירה און קאָסט פאַר $4^1/_2$—$2^1/_2$ דאָל. אַ וואָך; אין די מזרח-פּראָווינצען; אין מאַניטאָבאַ קאָסט דאָס פון $3^1/_2$ ביז $5^1/_2$ ד.; אין אַלבערטאַ, סאַסקאַטשעוואַן און אין ברִיטִיש-קאָלומביאַ — פון 4 ביז 7 דאָל. אַ וואָך; אין ברִיטִיש-קאָלומביאַ קאָסט איבערהױפּט דאָס לעבען טײַערער ווי אין די אַנדערע פּראָווינצען.

## זעלבסטשטענדיגע ווירטשאַפט.

קאַנאַדאַ איז אײנע פון די לענדער וואָס ציהען בעזונדערס צו אידישע עמיגראַנטען ווײַל דאָ קען מען לײַכטער ווי אַנדערש וואו ווערען אַ זעלבסטשטענדיגער בעל-הבית אויף אן'אײגענעם שטיקל ערד. מיר וועלען זיך דעריבער לײנגער אָבשטעלען אויף דער פראַגע ווי אַזוי עס איז גרינגער צו דערגרײכען אָט דעם ציעל.

פריער פאַר אַלץ מוז מען בעשליסען וואו עס איז גלײַכער זיך צו בעזעצען. אין דער הינזיכט זענען די צענטראַל-פּראָווינצען אָהן אַ שום ספק פאָרטײלהאַפטער ווי די מזרח-פּראָווינצען, ווײַל דאָ זענען שוין די בעסטע שטיקער ערד לאַנג פאַרנומען און פאַר אַ רעכט שטיקל ערד דאַרף מען שוין דאָ בעצאָהלען גוטע געלד. די פרײַע ערד וואָס די רעגירונג איז גרײט אָבצוגעבען אומזיסט אָדער צופערקױפען זעהר וואָלוועל אין די מזרח פּראָווינצען, ליגען אין די צפון-געגענדען, ווײַט פון די ברײטע וועגן און דאָס רוב בעדעקט מיט וועלדער. אויסהאַקען אַזעלכע וועלדער איז זעהר שווער און איבערהױפּט זענען דאָ די נאַטירליכע תנאים פון לעבען און פון דער אַרבײַט ניט קײן לײַכטע.

אַ סך בעסער לאָזען זיך קאָלאָניזירען די געגענדען פון די צענטראַל-פּראָווינצען. דאָס איז אַ לאַנד פון טשערנאָזיאָם און בעאַרבײַטען דאָ די ערד קאָסט ניט זעהר פיעל מיה. געוועהנליך גיט דאָ יעדער דעסיאַטין 90 פּוד זומער-ווײץ, און ווײץ איז דאָ דער הױפּטפּראָדוקט. דורכשניטליך ווערט דאָ ווײץ פערקױפט 65—60 קאָפּ. דער פּוד. קײן שום מיסט, ניט אַנדערע פערבעסערונג פון באָדען האָט מען דאָ ניט נויטיג.

שטיקער ערד ווערן דאָ אָבגעגעבען גאָר אומזיסט אָדער פאַר זעהר אַ נידריגען פּרייז. דערצו געפינען זיך שוין אין איינער פון די צענטראַל-פּראָווינצען — אין דרום-טייל פון סאַסקאַטשעוואַן (פריהער האָט דאָס געהייסען אַססיניבאָיאַ) 4 אידישע קאָלאָניעס, און ניי-אָנגעקומענע עמיגראַנטען לוינט נאַטירליך בעסער זיך צו בעזעצען וואו נעהענטער צו זייערע ברידער. צוליב דעם אַלעמען לוינט די אידישע עמיגראַנטען, וואָס האָבען אין זינען צו פאַר-נעהמען זיך מיט ערדאַרבייט, זיך צו בעזעצען נאָר אין די צענטראַל-פּראָווינצען מאַניטאָבאַ, סאַסקאַטשעוואַן און אַלבערטאַ.

דער טיף פון אַ קאַנאַדישער פערמע איז אינגאַנצען אַנ-אַנדערע ווי ביים רוסישען פויער. אַ געוועהנליכ׳ע ווירטשאַפט אין קאַנאַדאַ פערנעהמט פון 60 ביז 120 דעסיאַטין. דאָס שטיק ערד איז געוועהנליך אַ פירקאַנטיגע און דער קאָלאָניסט קען אויסבויען זיין הויז אויף דער אַקער-ערד גופא. אַלע אַרבייט ווערען דאָ אויסגעפיהרט ניט מיט אמאָליגע איינפאַכע אינסטרו-מענטען ווי דאָס רוב אין רוסלאַנד, נאָר דורכאויס מיט די נויטיג-סטע מאַשינען. די ערד ווערט געאַקערט מיט גרויסע צוזאַמענ-געשטעלטע אַקעראייזענס מיט אַ געזעס. געזעהט ווערט מיט זעהמאַשינען; די גאַרבען בינדט מען דאָ אויך מיט אַזעלכע בע-זונדערע מאַשינען און צום דרעשען זענען דאָ דרעשמאַשינען. אַ דאַנק די מאַשינען ניט זיך דעם קאָלאָניסט אָפט איין צו פער-זעהען גרויסע שטיקער ערד ניט אָנלייענדיג קיין פרעמדע געלד. ווי מיר האָבען שוין דאָ געזאָגט, זענען אַרבייטער אין קאַנאַדאַ זעהר טייער אין מען קען זיך איבערהויפּט אויף זיי ניט שטאַרק פערלאָזען אויך, ווייל עס איז זיי גאָר ניט אַלע מאָל לייכט צו געפינען. דעריבער דאַרף זיך צו ערד-בעל הבתישקייט נעהמען נאָר אַזאַ פאַמיליע וואָס האָט גענוג אייגענע אַרבייטער.

צוליב דעם גאַנץ בעזונדערען כאַראַקטער פון דער קאַנאַדער ערד-ווירטשאַפט, דאַרף אַן עמיגראַנט אפילו גאָר ניט טראַכטען זעגען אָנהויבען ווערן אַליין אַ בעל-הבית, איידער ער ווערט גוט בעקאַנט מיט די אופנים פון ערד-אַרבייט אין קאַנאַדאַ. דערצו דאַרף מען ווענינגסטענס אַ יאָהר זיין אַן אַרבייטער ביי

אַ פּערמער; דאָס איז נויטווענדיג ניט נאָר פאַר אַזאַ מענשען וואָס האָט אין רוסלאַנד אויך די ערד ניט בעאַרבעט, נאָר אַפילו פאַר די וואָס האָבען זיך דאָרטען פערנומען מיט ערדאַרבייט, וואָרום אין קאַנאַדאַ קען מען בשום אופן ניט אַרבייטען אַזוי ווי אין רוסלאַנד, אַפילו ריכטיג אויסצוקלייבען אַ שטיק ערד דאַרף מען אויך שוין זיין בעקאַנט מיט דעם לאַנד און מיט דער דאָרטיגער לאַנדווירטשאַפט.

ווי מיר האָבען שוין אָנגעוויזען העכער, בעזיצט די קאַנאַדישע רעגירונג זעהר פיעל פרייע ערד אין די פּראָווינצען מאַניטאָבאַ, סאַסקאַטשעוואַן און אַלבערטאַ, און גיט דאָ דאָס רוב ערד אומזיסט. יעדער דערוואַקסענער מאַנסביל עלטער פון 18 יאָהר אָדער יעדער פאָטער פון אַ פאַמיליע קאָן בעקומען אַ שטיק ערד פון הונדערט זעכציג אַקער*) (60 דעסיאַטין), אַ „האָמסטיד“ (homestead) ווי מען רופט דאָס אין קאַנאַדאַ, — אין דער געגענד וואָס געפעלט איהם אַם בעסטען. אום צו בעקומען דאָס שטיק ערד דאַרף מען אָנגעבען אַ בריטשריפט שריפטליך אָדער פּראָסט געהן אַליין אין אָנזאָגען אַז מען וויל נעהמען ערד, און איינצאָהלען דערביי 10 רובל. דער עמיגראַנט איז מחויב אויסצובויען אויפ׳ן שטיק ערד אַ הויז, אין וועלכער ער מוז וואוינען ניט וועניגער ווי 6 חדשים אין יאָהר און אַ געוויסען חלק ערד צו בעאַרבייטען. נאָך דעם ווי דער עמיגראַנט האָט פערבראַכט אויף זיין „האָמסטיד“ 3 יאָהר אין האָט איהם די גאַנצע צייט בעאַרבייט, האָט ער דאָס רעכט צו פאָדערן לאַנגען דאָס שטיק ערד זאָל ווערן אויף איהם איבערגעשריבען ווי זיין אייגענטום. דערצו מוז דער קאָלאָניסט ווערן אַ קאַנאַדער אונטערטאַן.

אַרום דער שטאָדט וויניפּעג אין מאַניטאָבאַ, געפינען זיך ביז 800 יודישע פערמערס, וואָס האָבען דאָ געדונגען אָדער געקויפט שטיקלעך גוטע ערד פון 20 ביז 30 אַקער און פערנעהמען זיך מיט גערטנער און מילכווירטשאַפט; אַלע פיה-מאָרגען פיהרען

*) אנ׳אקער גלייכט 0,37 אדער בערך ⅖ דעסיאטין.

זײַ פּאַנאַדער איבער'ן שטאָדט זײַערע גרינסען און זײַערע מילכ־פּראָדוקטען.

אַלע ידיעות איבער פּרײַזע שטיקער ערד קען מען בעקומען אין די רעגירונגסאַנשטאַלטען וואָס פאַרנעהמען זיך מיט ערד־עסקים.

אויב דער עמיגראַנט בעזעצט זיך ניט אויף דעם שטיק ערד וואָס ער האָט אויסגעקליבען, פערלירט ער דאָס רעכט דאַרויף.

אין אָנטאַריאָ גיט מען אַ פאָטער מיט קינדער 200 אַקער ערד, אַ דערוואַקסענעם מאַנסביל, עלטער פאַר 18 יאָהר, אָדער אַ מאַן און ווײַב אָהן קינדער 100 אַקער, אויף פאָלגענדע תּנאים: אין פערלויף פון די ערשטע 5 יאָהר דאַרף מען אָבריינינגען פון וואַלד ניט וועניגער ווי צו 15 אַקער פון יעדער שטיק ערד, דער קאָלאָניסט דאַרף זיך אויסבויען אַ שטוב ניט קלענער ווי 16 פוס אויף 20 און ניט וועניגער ווי 3 מאָנאַטען אין יאָהר דאַרף ער פערברײַנגען אויף'ן לאַנד בײַ זיך אין פערמע. אין די אַנדערע פראָווינצען אין מזרח-טייל פון לאַנד ווערן געשטעלט כמעט די זעלביגע בעדינגונגען אוף צו בעקומען ערד.

הגם אין מאַניטאָבאַ, אין סאַסקאַטשעוואַן און אין אַלבערטאַ איז ניט שווער צו בעקומען ערד, נאָר דאָ יאָגען זיך די קאָלאָניסטען אויך ניט שטאַרק נאָך רעגירונגסערד, ווײַל דאָס רוב ליגען די שטיקער ערד וואָס די רעגירונג ליגט פאַר ווײַט פון דער אײַזענבאַהן-ליניע. דערפאַר קויפט מען דאָ אָפט ערד בײַ אײַזענבאַהן-אָדער אַנדערע געזעלשאַפטען וואָס האָבען גוטע ערד אין אַ פּאַסענדער געגענד. אין די 3 אויבען דערמאָהנטע פראָווינצען קאָסט ערד אַנ'ערך 5 דאָל. דער אַקער (25 רובל פאַר אַ דעסיאַטינע), פאַר אַ שטיק ערד פון 160 אַקער קען דאָס אויסמאַכען אַ קאַפּיטאַל פון אַנ'ערך 800 דאָל. דערבײַ מוז גלײַך אײַנגעצאָהלט ווערן נור 1/10; דאָס איבריגע ווערט אויסגעצאָהלט ראַטעם-ווײַז אין 9 יאָהר, אויף 6 פּראָצענט.

אין אָנטאַריאָ און אין קוועבעק קען מען דורכאויס ניט ראַטען די אידישע עמיגראַנטען זיך צו בעזעצען אויף רעגירונגס־

ערד, ווייל דאָס לאַנד וואָס די רעגירונג גיט אומזיסט, איז בעדעקט מיט וועלדער, און אויסקאָרטשעווען אַזעלכע וועלדער איז שרעקליך שווער פאַר מענשען וואָס זענען צו אַזאַ אַרבייט ניט געוואוינט. בעאַרבייטעטע ערד קאָסט דאָ שוין אָבער אַ סך טייערער. — אין אָנטאַריאָ קאָסט אַנ'אַקער בעאַרבייטעטע ערד פון 40 ביז 200 דאָל. (ד. ה. פון 100 ביז 500 רובל פאַר אַ דעסיאַטינע), און אין קוועבעק, וואו די נאַטירליכע תנאים זענען וועניגער גינסטיג ווי אין אַנטאַריאָ. דאַרף מען אויך בעצאָהלען פון 20 ביז 30 דאָל. אַנ'אַקער ערד.

די איינריכטונג פון אַנ'איינענע לאַנדווירטשאַפט דאַרף קאָסטען אין קאַנאַדא — א חוץ די ערד — פון 600 ביז 1600 דאָלאַר. אמת, אַ רעכטער קאָלאָניסט קען אַלע מאָל האָבען קרעדיט; דאָס קאָסט אפילו פון 8 ביז 12 פּראָצענט, אָבער קריגען געלד איז ניט שווער. דריבער קען מען מיט א קאַפּיטאַל פון 400 דאָל. (800 רובל) אָנהויבען פיהרען אַנ'איינענע ווירטשאַפט.

פון דעם וואָס דאָ איז געזאָגט קען מען שון באַלד אויסרעכענען וויפיל געלד אַ פאַמיליע דאַרף איינגעפּעהר האָבען ארויסצופאָהרען און איינצוריכטען זיך אויף דער ערד. מיר האָבען שוין געזאָגט אַז אויף די ערשטע בעל-הבתישקייט דאַרף מען האָבען וועניגסטענס 800 רובל, לאָמיר אָננעהמען 1000 רובל; די רייזע, פון ליבוי ביז קוועבעק דאַרף קאָסטען אַנ'ערך 80 רובל; פון קוועבעק ביז דער קאָלאָניע קאַפּעל, למשל (דאָס ליגט אין דער פּראָווינץ סאַסקאַטשעוואַן, וואו אַלע אידישע קאָלאָניעס), קאָסט נאָך 40 רובל. צוזאַמען מיט'ן צופאָהרען צום פּאָרט אין רוסלאַנד, דאַרף מען רעכענען די רייזע פון אַ דערוואַקסענעם מענשען אַנ'ערך 130 רובל. אַ פאַמיליע פון 3 דערוואַקסענע מיטגלידער און עטליכע קינדער דאַרף די רייזע קאָסטען אַ רובל 500—600; אויף אַזאַ אופן דאַרף אַ פאַמיליע וואָס רעכנט זיך צו בעזעצען אין קאַנאַדאַ און דאָרטען פערנעהמען זיך זעלבסטשטענדיג מיט ערדאַרבייט, שוין אין רוסלאַנד פאַרמעגען אַ קאַפּיטאַל פון 1500 רובל (500+1000). דערביי מוז מען נאַטירליך

ניט פערגעסען אַז אַזאַ מין געשעפט גערהט ניט אַלע מאָל גלאַט. אין אָנהויב קען זיך מאַכען שאָדען. אַפּולע זאַכען גיבּען זיך ניט איין מיט אַ מאָל; אַז מען זאָל דאָס אַלץ אויסרעכענען קען מען זאָגען אַז נאָר אַזאַ פאַמיליע װאָס פאַרמעגט אַ רובל 2000 דאַרף זיך בּעשליסען אויף אַזאַ אונטערנעהמען.

אַזאַ פאַמיליע דאַרף אויך ניט אַרויספאָהרען מיט אַ מאָל אין קאַנאַדאַ. פריהער דאַרף אָנקומען איינער פון די מיטגלידער, געהערלניך פריהלינגסצייט, און זיך אָנדינגען פאַר אַנ׳אַרבּייטער אין אַ פערמע. אין פערלויף פון איין פריהלינג און איין זומער וועט ער בּעקאָנט ווערען מיט די אופנים פון דער קאַנאַדער לאַנד־ווירטשאַפט; אין הערבּסט דאַרף מען זוכען אַ פאַסענדע שטיק ערד און אויב עס איז נאָר מעגליך, גלייך אַ׳ועקשטעלען אַ הויז און אַ פיה-שטאַל: דאָס דאַרף קאָסטען אַ 150 דאָל. ווי מיר האָבּען שוין געזאָגט, קען מען דאָ קויפען, אויב מען וויל, אַזעלכע בּנינים שוין פאַרטיגע. שוין שפּעטער, דעם צווייטען פריהלינג, קען אָנקומען די פאַמיליע אויך.

איינציגע מענשען קענען פאָהרען מיט וועניגער געלד. נאָך דעם ווי מען אַרבּייט אָב 2—3 יאָהר קען מען האָפען צו ווערען אַ זעלבּסטשטענדיגער בּעל-הבּית; דאָ שפּילט אַ גרויסע ראָ־לע די ערפאַהרונג וואָס אַזאַ מענש האָט שוין אין קאַנאַדאַ. אַ פאָר פאָלק קאָן אויך געפינען אַ־בּייט אין קאַנאַדאַ אויף אַ פערמע, נאָר זיי קענען אויסקומען לענגער צו בּלייבּען אויף דער פערמע.

פאַר אַ אידישע פאַמיליע קען אַ מאָל אויספאַלען זעהר שווער צו וואויהנען אויף דער ערד, וואָס די רעגירונג ניט די אימיגראַנטען אומזיסט. ווייל דאָס רוב איז דאָס ווייט פון אירען און איבּערהויפט פון מענשען. די קאַנאַדישע רעגירונג פערשטעהט דאָס און רעכענט זיך דערמיט אויך: אַ גרופּע פון 10 און אַ מאָל נאָך פון וועניגער עמיגראַנטען קען פערלאַנגען מען זאָל זיי אָבּ־געבּען עטליכע שטיקער ערד איינע געבּען די אַנדערע, און דאַן קענען זיי אויסבּויען עטליכע הייזער נעבּען דער אקער־ערד און בּילדען אויף אַזאַ אופן אַ מין דאָ־ף; דערבּיי וועט נאָר יעדער פון זיי מחויב זיין צו בּעאַרבּייטען זיין שטיק ערד אָבּער פון

וואויהנען אויף איהר איז ער שוין בעפרייט. די נייע קאָלאָניסטען האָבען אפילו דאָס רעכט צו פאָדערן מען זאָל נאָך לאָזען אין דער נאָהע נאָך איינינע שטיקער פרייע ערד, כדי צו בעזעצען דאָרטען זייערע פריינד וואָס וועלן נאָך אָנקומען. ערלויבניש צו בעשאַפען אַזאַנ׳אַרט דאָרף דאַרף מען בעטען ביי׳ן מיניסטער פון אינערן אין אָטאַוואָ. אמת, עס שאַדט ניט צו האָבען אין זינען אַז כאָטש עס איז געוויס פריווילעגער דאָס לעבען צוזאַמען אין אַזאַ דאָרף, נאָר די ווירטשאַפט געהט אפשר בעסער אַז מען בעזעצט זיך אַליין יעדער אויף זיין אייגענע שטיק ערד.

## איינינע אַלגעמיינע בעמערקונגען פאַר די עמיגראַנטען.

די עמיגראַנטען דאַרפען זעהר פאָרזיכטיג זיין און זיך ניט פערלאָזען אויף עצות פון יעדער ערשטען בעקאַנטען. די בעסטע זאַך איז זיך צו ווענדען צו רעגירונגסאַנשטאַלטען אָדער צו כלל-אָרגאַניזאַציעס (זעה זייטע 14).

עס איז זעהר וויכטיג צו האָבען מיט זיך אַ ביסל געלד אויף די ערשטע צייט.

גרויסע שכירות פאַר אַ געוויסע אַרט אַרבייט איז ניט אַלע מאָל אַ בעווייז אַז די אַרט אַרבייט איז שטאַרק געפאָדערט, ווייל אַ מאָל צאָהלט מען אַ סך צוליב דעם וואָס דאָס לעבען איז זעהר טייער אין דעם אָרט.

ווער עס פאָהרט אין קאַנאַדאַ, דאַרף גרייט זיין אויף די גאַנץ בעזונדערע תנאים אין וועלכע דאָ קומט פאָר צו לעבען און צו פערדינען די הזונה, און דאַרף ניט מורא האָבען פאַר שווערע אַרבייט.

פון אַלעם דעם וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען איז קלאָר אַז אין קאַנאַדאַ דאַרפען פאָהרען הויפטזעכליך די עמיגראַנטען וואָס ווינשען זיך צו פערנעהמען מיט ערדאַרבייט. דערצו איז קאַנאַדאַ מעהר פאַסענד ווי אַלע אַנדערע מדינות וואוהין די אידישע עמיגראַנטען לאָזען זיך אַוועק.

אַלע עמיגראַנטען דאַרפען זעהן צו קומען אין פריהלינג

אדער וועניגסטענס זומערצייט; דערביי איז פאר בעלי-מלאכות גלייכער צו פאהרען אין די מזרח-פראווינצען, און פאר די וואס רעכנען בעארבייטען די ערד — אין די צענטראל-פראווינצען.

מויערער, טשעסלארעס און אנדערע בעלי-מלאכות, וואס ווינטער איז פאר זיי קיין ארבייט ניטא, דארפען זיין גרייט צו פערעהמען זיך מיט א וועלכע עס איז אנדערע ארבייט.

עס לוינט ניט צו פאהרען קיין קאנאדא פאר פריקאזטשיקעס, קרעמער, פרויען וואס זענען געבילדעטער ווי א געוואוינליכע דינסטמיידעל, ווי למשל גובערנאנטעס, פערקויפערקעס, קאסירערקעס, א. א. וו. עס דארפען זיך אויך אבהאלטען פון פאהרען קיין קאנאדא פערזאנען וואס האבען ניט קיין בעשטימטע פראפעסיאן און וואס זענען ניט פעהיג צו ארבייטען פיזיש.

## לעצטע ידיעות וועגען קאנאדא (פעברואר 1909);

די איינציגע געווינשטע עמיגראנטען אין קאנאדא זענען איצט — ערדארבייטער, וואס בעזיצען גענוג געלד, אום צו קויפען לאנד און איינארדנען אנ׳איינענע ווירטשאפט. עס איז פאראן א גאנץ יאהר ארבייט פאר דיענסט-פרויען, אין וועסטע און זומער — פאר לאנדווירטשאפטליכע ארבייטער.

פאר אלע איבריגע אימיגראנטען, ווי צום ביישפיעל בעלי-מלאכות און דערגלייכען, איז איצט אין קאנאדא קיין ארבייט ניטא. צו זיי אלע ווערט שטרענג אנגעווענדט דאס נייע געזעץ, לויט וועלכען יעדע פערזאן, וואס איז עלטער פון 18 יאהר, מוז האבען מיט זיך, אנקומענדיג קיין קאנאדא, ניט וועניגער ווי 50 רובל. אויסער דעם, מוזען די עמיגראנטען האבען אייזענבאהן בילעטען ביז דעם ארט, וואוהין זיי פאהרען.

לויט דעם בעפעהל פון דער אדמיניסטראציע, קען יעדער אימיגראנט ארויסגעשיקט ווערען צוזאמען מיט זיין פאמיליע פון קאנאדא, אויב ער וועט אין פערלויף פון די ערשטע צוויי יאהר אנקומען צו דער הילף פון א וועלכער ניט איז צדקה-חברה.

## וויפיעל קאָסטען שיפסקאַרטען קיין קאַנאַדאַ.

ביז האַליפאַקס אָדער סענט-דזשאָן (ווינטער) און קוועבעק אָדער מאָנטרעאַל (זומער):

| | | |
|---|---|---|
| פון ליבוי מיט פּערעסאַדקע | . . . . . | 88 רובל |
| „ האַנגע „ | . . . . . | 80 „ |
| „ ברעמען דירעקט | . . . . . | 160 מאַרק |
| „ אַנטווערפּען דירעקט | . . . . . | 170 „ |
| „ ליווערפּול דירעקט | . . . . . | 5 פונט 10 שיל. |

פאַר קינדער פון 1—12 יאָהר צאָהלט מען אַ העלפט,
פאַר קינדער ביז 1 יאָהר צאָהלט מען 5 רובל (10 מאַרק).

(די פּרייזען בייטען זיך אָפט).

פּרייז 3 קאָפּ'.